# דא"ה רעוא דרעוין פרשת ויצא תשס"ז

## ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה: ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו וישכב במקום ההוא:
(בראשית כ"ח, י'–י"א)

**וברש"י** הק': **וישם מראשותיו.** עשאן כמין מרזב סביב לראשו שירא מפני חיות רעות התחילו מריבות זו עם זו זאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו וזאת אומרת עלי יניח צדיק את ראשו מיד עשאן הקב"ה אבן אחת וזהו שנ' ויקח את האבן אשר שם מראשותיו: **וישכב במקום ההוא.** לשון מיעוט באותו מקום שכב אבל י"ד שנים ששמש בבית עבר לא שכב בלילה שהיה עוסק בתורה:

### לכאו' האיך באמת הלך יעקב אע"ה לישון הא היה המרכבה להתורה"ק בסוד תפארת

**א] לכאורה** דארף מען צו פארשטיין כידוע אז יעקב אבינו ע"ה איז דאך דער מרכבה צו דער הייליגע ספי' פון תפארת דאצילות (זוה"ק ח"א קנ"ז:), וואס דער מידת תפארת איז דאך דער סוד פונעם תורה"ק (**א**), איז דאך ממילא א דבר פשוט אז יעקב אע"ה האט נישט מסיח דעת געווען פונעם תורה"ק אפי' אויף איין רגע, איז ווי קען דאס באמת זיין אז די נאכט האט זיך יעקב אבינו ע"ה יא צוגעלייגט, און אין אמת'ן טארן מיר בכלל נישט האבן קיין הו"א אז יעקב אבינו'ס ע"ה שלאף האט געמיינט אן איינפאכן שלאף, ווי מיר זעהן אין תיקוני זוה"ק (ל"ד.) אז וישכ"ב איז די אותי' וי"ש כ"ב, דהיינו אז דער עצם שלאף פון יעקב אע"ה איז געווען איין שטיק תורה דהיינו די כ"ב אותי' התורה הק', און ווי מיר האבן געזעהן ביי צדיקי אמת אז זייער גאנצע שלאף איז געווען איין שטיק העכערקייט, ווי דער הייליגע רבי ר' מיכל'ע דער זלאטשוב'ער מגיד זי"ע האט געזאגט, אז זיין גאנצע שלאף איז בלויז אן עליית נשמה און השגות פון מראות האלוקי מראות הנבואה, און ווי צדיקים זי"ע טייטשן (עיין בעש"ט ועיין אוהב ישראל) אויפן פסוק אכן יש

---

(**א**) ווי די גמרא אין מס' שבת רופט אן די תורה"ק אורייתא תליתאי [תורה נביאים כתובים], וואס תפארת איז דער דריטע מידה, און ווי מיר זעהן ביי יעקב אע"ה אז ער איז באקרוינט געווארן מיטן כתר תורה, ווי דער פסוק זאגט איש תם יושב אוהלים.

הוי"ה במקום הזה ואנכי לא ידעתי, דהיינו אז יעקב אע"ה איז דא געוואהר געווארן אז מיטן שלאף קען מען אויך דינען השי"ת, אבער וואס איז דער פשט געווען פונעם עצם זיך גיין לייגן פון יעקב אע"ה.

## תכלית העבודה בסוד מ"ן ומ"ד בבחי' תענוג תמידי אינו תענוג

**ב] הנה** עס איז באקאנט פונעם הייליגן אר"י ז"ע (עיין ע"ה שער ל"ט), אז דער סדר העבודה פון יעדער עובד השי"ת איז בדרך מיין נוקבין און מיין דוכרין, וואס דאס איז דער סוד פון די צוויי אותי' יו"ד, יו"ד העליון און יו"ד התחתון **(ב)**, וואס דאס איז געווען די עבודה פון יעקב אע"ה, בסוד י' עקב [יעקב] דהיינו מקשר זיין די אלע אורות וואס זענען בבחי' יו"ד העליון בבחי' כתר [כתר די ערשטע ספי' איז מרמז אויף די העכסטע מקום], ביזן עקב דהיינו ביז די נידריגסטע מקומות פון די חשכיות'דיגע וועלט, דהיינו אז דער צדיק האמת וואס לעבט שטענדיג מיט יחודי שמות הק' און אורות העליונים, וואס דאס ווערט אנגערופן בבחי' נהורא חיוורא [א ווייסע אור] דהיינו אז עס איז איהם גאהר ליכטיג, דארף צו וויסן אז דאס איז נישט דער תכלית, און ווי עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן בעש"ט ז"ע, תענוג תמידי אינו תענוג, דהיינו אז ווען דער מענטש האט א געוויסע שטענדיגע תענוג און אור, איז דאס נישט דער ריכטיגע תענוג, וויבאלד ער איז דאך שוין צוגעוואינט צו די תענוג, און בפרט אז דער רצון השי"ת דער בורא כ"ע איז, אז דער מענטש זאל מאיר זיין די אלע יחודים און אורות העליונים אויף גאהר אן הויעכן פארנעם.

## דרך העבודה בסוד אור חיוורא המאיר בתוך האור אוכמא והחושך

**ולכן** און וועגן דעם שיקט אמאהל השי"ת אינטער געוויסע נסיונות צו קנאה אדער תאוה אדער כבוד, וואס די אלע תענוגים זענען בעצם נידריגע תענוגים וואס זענען באשאפן געווארן דורך די שבירת הכלים וואס איז געווען בשעת בריאת העולם, און זענען אריינגעפאלן אין די עולמות בי"ע, וואס ווערט אנגערופן עלמא דפרודא **(ג)**, און דורך די אלע

---

**(ב)** כידוע אז דער עיקר עבודה איז נישט נאר מייחד זיין יחודים עילאים אויפן עולם העליון, נאר אויך ממשיך צו די אורות און השפעות אויף די וועלט, און דאס ווערט אנגערופן די צירוף פון שם הוי"ה און שם אדנ"י יאהדונה"י, וואס די שם הוי"ה הק' איז מרמז אויף די יחודים אינעם עולמות העליונים, און די שם אדנ"י [אדון הכל] איז מרמז אויף די יחודים אין דעם עולם התחתון, און דאס איז דעק סוד פון יו"ד העליון דהיינו די יו"ד פונעם שם הוי"ה הק', און יו"ד התחתון דהיינו די לעצטע יו"ד פונעם שם אדנ"י.

**(ג)** כידוע אז אינעם עולם האצילות איז פארהאן די עיקר קומה שלימה פון די י' ספי' הקדושים, וואס דאס ווארט אצילות איז מלשון "אצל" דהיינו "נעבן", דהיינו אז דאס איז די איינציגע עולם וואס איז נעבן די מרכבה פון השי"ת ממש, משא"כ די נידיריגע עולמות בי"ע, זענען אפגעטיילט פונעם אצילות, און הגם מיר שטייען גאהר ווייט פון דעם, כידוע אז אונזער עולם העשיה איז נאר די נידריגסטע חלק פונעם עולם העשיה דהיינו עשיה שבעשיה, אבער עכ"ז אקעגן אצילות זענען די אלע עולמות בבחי' עלמא דפרודא. ודו"ק.

ניצוה"ק איז פארהאן די אלע חשכיות און בילבולים אויף די וועלט בכלל און אויף יעדע עובד השי"ת בפרט, און דאס וויל טאקע השי"ת אז מיר זאלן מעלה זיין און מאיר זיין די ניצוה"ק, און זיי מעלה זיין אויפן מקום המתוקן, און דערפאר האט א איד שוועריגקייטן אינעם עבודת השי"ת, בסוד אור אוכמא [א שווארצע ליכטיגקייט] כדי אזוי דערנאך וועט ער שרייען צו השי"ת מן המיצר קראתי י"ה, אז השי"ת זאל איהם שוין מאכן ליכטיג און איהם ארויסציעהן פון די אלע הסתרות און העלמות, און די עבודה איז בסוד מעלה זיין מיין נוקבין דהיינו השתוקקות און צימאון צו השי"ת [בסוד הפסוק ואל אישך תשקתך דהיינו אז א נקבה איז זיך משתוקק צום זכר], און דורכדעם טוהט השי"ת אבינו אב הרחמן שיינען און ליכטיג מאכן די וועג מיט אן אור גדול בסוד אור חיוורא, בבחי' מיין דוכרין דהיינו השפעות גדולות פון השי"ת, און דאס איז די שטענדיגע עבודה פון די מים התחתונים וואס שרייען און וויינען אנן בעי למהוי אונז ווילן מיר אויך זיין נעבן השי"ת אזוי ווי די מים העליונים (פסיקתא רבתי פר' כ'), דהיינו די צימאון און השתוקקות וואס די אלע נידעריגע עולמות האבן, אז זיי ווילן זיך דערנענטערן צום בורא כ"ע מיט אפענע גילויים בסוד הראנו הוי"ה חסדך, און ממילא דורכדעם וואס דער איד איז זיך משתוקק צו השי"ת, און השי"ת טוהט איהם באלייכטן און באווייזן דעם דרך הישר, און ממילא איז דער איד דער עובד השי"ת דורכדעם מקדש שם שמים אויף די וועלט, און עס ווערט ממילא אסאך שטערקער די עצם אור החיוורא בבחי' יחודא עילאה, ווייל ביז יעצט איז טאקע דער אור היחודא עילאה געווען גרויס, אבער יעצט נאך וואס דער מענטש האט א ירידה און ער בעט זיך איין ביי השי"ת, און השי"ת טוהט איהם באלייכטן די וועג, איז דער פשט פון דעם אז אינעם חשכות שיינט אריין די אור השי"ת, ממילא ווערט דאס אור החיוורא אסאך אסאך שטארקער ביתר שאת ויתר עוז, ווייל דאס אור דארף איהם באלייכטן ביז זיין יעצטיגן מקום אין די נידריגע מצב (עיין זוהר חדש שה"ש מאמר ב' נהורין).

## סוד ג' משיחין משה יוסף ודוד

**ג] און** ווי מיר ווייסן אז די גאנצע גאולה שלימה איז בעיקר דורך די דריי בחי' פון משה רבינו ע"ה און יוסף הצדיק ע"ה און דוד המלך ע"ה (זוה"ק ח"ב ק"מ.), והיינו אז יוסף הצדיק'ס אור איז בבחי' אור חיוורא בסוד יחודא עילאה, און דוד המלך'ס אור איז בבחי' אור אוכמא בסוד יחודא תתאה, און משה רבינו'ס אור איז די מקשר צווישן די צוויי בחי', כידוע אז משה רבינו איז בבחי' יעקב אבינו ע"ה, נאר יעקב אע"ה איז בבחי' מלבר דהיינו בחיצוני' און משה רבינו ע"ה איז בבחי' מלגאו דהיינו בפנימי' (ד).

---

**(ד)** א) דהיינו יוסף הצדיק איז בבחי' מידת יסוד, וואס יסוד איז דאך די כולל פון אלע ו' מידות פונעם פרצוף זעיר אנפין [ז"א], דהיינו אז ווען דער ז"א איז משפיע אויפן נוק' דהיינו מלכות, גייען די אלע השפעות דורכן

מידת יסוד, בסוד הפסוק וואס יוסף המשביר האט געזאגט הא לכם זרע, ממילא קומט דאך אויס אז יוסף איז בבחי' מיין דוכרין דהיינו די השפעה פונעם זכר, וואס מיין דוכרין איז מרמז אויפן אור עליון וגדול, ווי חז"ל הק' זאגן יותר ממה שהעגל רוצה לינוק פרה רוצה להניק, דהיינו אז די אור פונעם משפיע איז גאהר גרויס, וואס דאס איז אויך די בחי' פון יהודא עילאה דהיינו די בחי' פון לעבן מיט אן העכערקייט און מיט א לויטערקייט.

אבער משא"כ דוד המלך ע"ה איז בבחי' מלכות, וואס מלכות איז בסוד נוקבא דהיינו די מקבל פון אלע השפעות פונעם ז"א, וואס דאס איז דער סוד פון יחוד קודשא ב"ה [ז"א] ושכינתיה [נוקבא], און דאס איז דער פשט אז מלכות איז בבחי' לית ליה מגרמיה כלום, ווייל וואס זי האט בדרך כלל איז נאר וואס זי איז מקבל פונעם ז"א דהיינו די מיין דוכרין [חוץ אין א צייט פון נסירה ואכהמ"ל].

און אזוי אויך איז אונזער בריאה בבחי' מלכות, ווייל אונז פאר זיך זעלבסט פארמאגן אונז דאך גארנישט, נאר אונזער גאנצע השפעה קומט נאר וואס מיר זענען מקבל פון די העכערע ספירות הק', און חוץ פון דעם ווערט געברענגט אז אין א געוויסע בחי' איז כלל ישראל בבחי' מידת מלכות [אין מלך בלי עם] [כלל ישראל מוסיף כח בפמליא של מעלה ע"י מיין נוקבין] ואכהמ"ל, און ממילא איז אונזער בריאה בבחי' אור אוכמא דהיינו די טיקעלע אור, ווייל דאס איז דאך דער פשט פון די מיין ניקבין, דהיינו אז אונז פעהלט אויס אסאך השפעות טובות, און דערפאר האבן מיר די השתוקקות און צימאון דאס צו מקבל זיין, דהיינו אז מיר זענען אינעם חשכות בבחי' שכינתא [בחי' מלכות] בגלותא בסוד ואנכי הסתר אסתיר פני וגו' [אנכי בחי' מלכות ואכהמ"ל], און דאס איז די בחי' פון יחודא תתאה דהיינו צו מייחד זיין און מקדש זיין שם ה' אי' אין די שווערסטע מצבים.

ב) און דער תכלית איז אז דער מענטש זאל זעהן ארייצושיינען די אור חיוורא אינעם אור אוכמא, דהיינו אז מען זאל לעבן מיט ישוב הדעת און נישט פארלוירען ווערן ווען עס קומט צו גיין א שווערע מינוט און מען איז במצב נפילה וירידה, נאר מען דארף צו וויסן אז דייקא אויף די מינוטן זענען מיר אראפגעקומען אויפן וועלט, דהיינו זיך צו מחזק זיין מיט אמונה שלימה און תשובה שלימה מיט שמחה כי לא ידח ממנו נידח, און ממילא מיט די עבודה טוהט ער ארייגשיינען אינעם חשכות די אור הגדול, און ממילא ווערט די אור החשכות א כלי קיבול צו די אור הגדלות, און נאכמעהר, די אור הגדלות זעלבסט ווערט אסאך אסאך גרעסער און שטערקער, ווייל ער דארף ארייגשיינען אין אסאך טיפערן מקום, און דאס איז די עיקר העבודה פון מעלה זיין ניצוה"ק, און דורכדעם שיינט די אור פון משה רבינו ע"ה.

דהיינו אז משה רבינו ע"ה איז בבחי' ספי' דעת, [כידוע אז יעדע גדול הדור איז בבחי' משה משה שפיר קאמרת, און אזוי אויך האט משה רבינו ע"ה אויסגעלייזט כ"י פונעם גלות הדעת, ואכהמ"ל], וואס ספי' דעת איז אינעם קו האמצעי [דהיינו אזוי ווי תפארת איז דער ממוצע צווישן חסד און גבורה, און יסוד איז דער ממוצע צווישן נצח און הוד, אזוי איז דעת די ממוצע צווישן חכמה און בינה], און אזוי אויך איז תפארת אינעם קו האמצעי, וכידוע אז יעקב איז בבחי' תפארת, אבער דאס איז נאר בחיצוני' דהיינו אז יעדע ספי' פאר זיך איז א מרכבה צו איינע פון די ז' רועים, און טאקע בחיצוני' איז משה רבינו ע"ה דער מרכבה אויף ספי' נצח, אבער ווען עס קומט צו די עבודה פון יחודי הספירות הק', וואס דעמאלס דארף מען אלס צוקומען צום קו האמצעי, וואס דורכן קו האמצעי ווערט די המתקה צווישן צד הימין און צד השמאל, וכידוע אז די אלע השפעות וואס דער ז"א איז משפיע אויפן נוקבא, דאס קומט נאר דערנאך וואס דער ז"א באקומט מוחין פון די מוחין עילאין, [כידוע אז דער ז"א פאר זיך איז בבחי' זעיר דהיינו אז זיינע מוחין זענען צו קליין אויף צו קענען מאכן יחודים און משפיע זיין השפעות, כידוע אז די מוחין געבן די עיקר כח אויף צו מאכן יחודים און משפיע זיין השפעות], און די עיקר השפעת המוחין קומען דורכן דעת, וואס דער דעת איז דער ממוצע צווישן חכמה און בינה דהיינו אבא ואימא, און אויסער דעם איז דער דעת אינעם קו האמצעי וואס אינעם דעת איז פארהאן די גרעסטע גילוי פונעם כתר

**בחי' יוסף הצדיק והאור חיוורא**

**דהיינו** כידוע אז בעצם איז יוסף הצדיק דער עיקר בכור פון די י"ב שבטי י–ה, כידוע אז יעקב אע"ה'ס עיקר עקרת הבית איז געווען רחל אמנו ע"ה, והיינו אז דאס איז זיכער אז דער עיקר התכלית איז צו לעבן מיטן בחי' פונעם אור חיוורא, וואס דאס איז דער בחי' פון שויתי הוי"ה לנגדי תמיד, דהיינו אז די שם הוי"ה זאל שטענדיג שיינען און לייכטען פארן מענטש, נאר כדי צו פארגרעסערן די אור החיוורא ויחודא עילאה, דארף מען צוקומען צום אור אוכמא דהיינו צו די אלע חשכיות, כדי דער עובד ה' זאל זיך מחזק זיין מיט אמונה פשוטה, און דורכדעם צו באלייכטן אז דער אור חיוורא זאל ארײנשיינען אינעם אור אוכמא, וואס אויף צו באלייכטן דעם מקום החושך, באדארף דער אור חיוורא זיין גאהר שטארק און גרויס.

**אור הגאולה בסוד יחוד יוסף ודוד**

**און** ווען עס וועט קומען די זמן הגאולה שלימה ומלאה הארץ דעה את הוי"ה, דעמאלס וועט זיין דער יחוד צווישן יהודה און יוסף, בסוד הפסוק נועדו המלכים יחדיו והיו לעץ אחד דהיינו משיח בן יוסף און משיח בן דוד [יהודה איז בבחי' משיח בן דוד], דעמאלס וועט זיין דער בחי' אז דוד מלך ישראל חי וקים, דהיינו אז נישט נאר אז ווען עס קומט צו גיין א שווערע זמן טוהט מען זיך מחזק זיין מיט אמונה פשוטה, און דורכדעם טוהט מען מאיר זיין דאס אור חיוורא, נאר דער מענטש ווערט אין די מדרגה אז עס איז שוין בכלל נישט קיין עבודה ביי איהם, אז ער דארף זיך נעמען צום עבודת החיזוק און מאיר זיין דעם אור חיוורא אינעם אור איכמא, נאר דער גאנצע עצמי' פונעם מענטש ווערט איין שטיק יחוד האורות דהיינו די אור חיוורא מיטן אור איכמא, און יעדע שווערינגקייט וואס קומט איהם אינטער איז בעצם בכלל נישט קיין שווערינגקייט, ווייל גלייך און באלד זעהט ער דער פנימי' הענין און דער סיבה פונעם חשכות, און ער טוהט גלייך די עבודה דערפאר, און דער מענטש ווערט אין א מצב וואס ער לעבט מיטן געדאנק אז דער אור אוכמא איז בסך הכל א כלי [בחי' מנורה] צום אור חיוורא [נרות המנורה].

**עבודת יעקב אע"ה בי"ד שנה ואח"כ ביציאתו לחרן לתקן הדרך עד סוף כל הדורות וזהו אור ימי החנוכה הק'**

**און** דאס איז דער פשט פון די הייליגע מעשי אבות סימן לבנים וואס מיר זעהן דא, אז יעקב אבינו ע"ה דער בחור האבות יעקב שלימתא, הגם ער איז געווען שקוע אינעם תורה"ק י"ד שנים בישיבת עבר, עכ"ז איז ער די גאנצע צייט געווען דבוק נאר אינעם יחודא עילאה דהיינו מיטן

העליון וואס איז אויך אינעם קו האמצעי', און אזוי דערנאך איז דער דעת משפיע בעיקר אינעם מידת תפארת, און שפעטער איז דער יסוד משפיע אויפן נוקבא. וד"ל.

אור התורה אש לבנה בסוד אור חיוורא, אבער די עבודה פון יעקב אע"ה איז דאך געווען פאר גאנץ כלל ישראל עד סוף כל הדורות (ה), ממילא האט ער געדארפט ארויסגיין פון ארץ ישראל ארץ הקודש, און אראפגיין אין גלות בסוד וילך אל חרן, וואס חרן איז די בחי' פון חרון אף ה', דהיינו צו די עלמא דפרודא די וועלט וואס איז פוהל מיט חשכות און בילבולים, און דייקא אין די מקום האט ער געפראוועט די עבודה פון שינה פון שלאפן, וואס שלאפן איז אויך מרמז אויף אחד מס' ממיתה הסתלקות המוחין, און דייקא אין די אופן איז ער געווען בבחי' ויש כ"ב כנ"ל וי"ש כ"ב, דהיינו אז ער האט ממשיך געווען די יהודא עילאה דהיינו די אור פון די כ"ב אותי' התורה"ק אינעם יהודא תתאה, און דורך די עבודה האט ער זוכה געווען צו מראות הנבואה והתגלות האלוקות (ו), און תקנת תפילת ערבית, וואס דאס איז דער בחי' פון יעקב י' עקב, דהיינו ממשיך צו זיין די אלע גרויסע גילויים בחי' אות י' דהיינו בסוד ספי' כתר אור חיוורא, אינעם עקב דהיינו אין אלע חשכיות וואס זענען בבחי' עקביים, און דאס איז וואס יעקב אע"ה האט געזאגט צו די רועי צאן הידעתם את לבן, דהיינו אז יעקב אע"ה האט זוכה געווען צום אור הדעת און צו מראות הנבואה, דהיינו זיך צו מקשר זיין שטענדיג צום לובן העליון, און מגלה זיין אז בעצם אינטערן חשכות ליגט א מורא'דיגע אור לובן העליון, און ווי מיר זעהן פון צדיקי אמת זי"ע אז דער גאנצע עבודה פון יעקב אע"ה ביי לבן הרשע מיט די שעפאלאך איז אלעס געווען מיט יחודים נוראים, און דאס זענען די אלע אורות וואס שיינט אריין אינעם גלות דהיינו די הייליגע ימי חנוכה הבעל"ט און אזוי אויך די ימי הפורים הק' הבעל"ט, וואס די אלע הייליגע מורא'דיגע אורות און ניסים זענען דאך אראפגעקומען נאר צו אונז גלות אידן, וואס אונזער עבודה איז צו מאכן פונעם חשכות א כלי קיבול אויפן פארגרעסערן די אור החיוורא און יהודא עילאה, וואס דאס איז מרמז אויפן אור ימי החנוכה הק', צו אראפברענגען די אור הקדוש אינטער די צעהן טפחים, און באלייכטן די אור אוכמא מיט אמונה פשוטה בסוד אור החנוכה, און דורכדעם וועט אויסקומען אז דער גאנצע מטרה פונעם אור אוכמא איז נאר, אז דאס

---

(ה) וואס דאס איז דאך דער סוד פון תפילת מעריב וואס יעקב אע"ה האט מתקן געווען, בבחי' לילה בבחי' חשכות, און טאקע דערפאר איז תפילת ערבית בעצם נאר א תפילה ברשות, צו מרמז זיין אויף די שוואכע דורות, וואס דעמאלס דארף מען זיך באניצן נאר מיט אמונה פשוטה בסוד ואמונה כל זאת וואס מען זאגט נאך קרי"ש. וד"ל.

(ו) בדרך רמז כידוע וואס עס ווערט געברענגט פונעם בעש"ט הק' זי"ע אז איינמאהל בשעת ער איז געווען בהסתלקות המוחין האט ער זיך באניצט מיטן זאגן בתמימות די כ"ב אותי' התורה הק', בבחי' וי"ש כ"ב, און דורכדעם האט יעקב אע"ה זוכה געווען צו התגלות מראות הנבואה, כידוע (עיין פר' תולדות) אז דער עיקר מדרגת הנבואה איז מען זוכה ווען דער גאנצע גשמי' ווערט איין שטיק יהודא עילאה בסוד הפסוק זה הוי"ה קוינו לו ויושיענו וגו'. וד"ל.

זאל זיין א כלי שרת צו באשיינען דעם אור חיוורא עס זאל שיינען אויף א שטערקערן פארנעם, און דאס איז דער עצם ההמתקה פונעם אור אוכמא, כידוע אז די פארב שווארץ ווען עס ווערט נמתק ווערט עס בלוי מלשון תכלת תכלית, דהיינו אז דאס איז דער ערשטע תכלית אויפן בריאה, און אן דעם יסוד ווי קען מען דען בכלל אדורכגיין אזעלעכע שווערע צימצומים און חשכות.

**עבודת יעקב אע"ה בבחי' שם ישרא"ל בסוד הגאולה שלימה וזהו החילוק בין בחי' דעת לבחי' כתר**

**בין** דערנאך האט יעקב אע"ה זוכה געווען צו דער מדרגה וואס ער האט באקומען די נאמען ישראל, וואס ישראל איז דער צירוף ל"י רא"ש, דהיינו אז ער איז צוגעקומען צו דער מדרגה פון כתר וואס איז בבחי' ראש, און ווי עס ווערט געברענגט (שעה"כ דרוש ב' מדרושי העמידה) אז בשעת מען זאגט ביים ערשטן ברכה פון שמו"ע ואלוה"י יעקב, דארף מען ממשיך זיין די מוחין פונעם דעת (ז), וואס דער חילוק צווישן דעת און כתר איז, אז טאקע אמת ביידע ספי' זענען אויפן קו האמצעי [עיין הגה' לעיל 4], אבער דעת איז דער בחי' פון התקשרות, דהיינו אז דער עבודה פונעם עובד השי"ת איז צו מקשר זיין דעם אור חיוורא מיטן אור אוכמא, וואס דאס איז דער סוד י' עקב דהיינו מקשר זיין דעם אור עליון בסוד אות י' מיטן בחי' פון עקב דהיינו די אור אוכמא, אבער די עבודה בבחי' כתר איז, אז דער מענטש דארף אויף דעם קיין עקסטערע עבודה נישט ארייגלייגן, ווייל עס איז ביי איהם א נאטורליכע זאך אז דאס גאנצע חשכותת איז בעצם בפנימי' מלא אור חיוורא, נאר מען זעהט עס נישט בהתגלות, אבער בעצם איז דאס איין שטיק אור עליון באמת, און דאס איז דער לשון ישראל לשון שררה דהיינו אז דער מענטש טוהט געוועלטיגן אויפן מצב, דהיינו אז טאמער ער איז אין א מצב פון

---

**(ז)** כנ"ל אז אלע השפעות קומען דורכן יחוד פון ז"א ונוק' דהיינו יחוד קודשא ב"ה [ז"א] ושכינתיה [נוק'], אבער זייער יחוד קען נאר זיין דורך די המשכת המוחין פון די מוחין עילאין אויף זיי, ווייל זייערע אייגענע מוחין זענען צו קליין אויף צו קענען מאכן דעם יחוד.

[כידוע אז עס זענען פאראן ה' פרצופים אין די י' ספי' אריך [כתר] אבא [חכמה] אימא [בינה] זעיר אנפין [ו' מידות] נוקבא [מלכות], וואס ווען עס ווערט א יחוד צווישן די ספי', מיינט עס דער יחוד הפרצופים, און בעצם האט יעדע פרצוף פאר זיך א קומה שלימה פרטי מיט אייגענע י' ספי', כדוג' אז כתר האט אין זיך י' ספי' פרטיים וכו' וכו', און אויך דער ז"א האט אייגענע י' ספי' דהיינו ג' מוחין כתר חכמה בינה און אויך זיינע מידות, אבער די מוחין פונעם פרצוף הז"א זענען צו קליין [מלשון זעיר קליין] און ממילא דארפן זיי צוקומען צו מוחין פון די העכערע מקומות].

און ביים ערשטן ברכה פון שמו"ע איז מען ממשיך די מוחין עילאין, [חוץ וואס ביים ערשטן פסוק פון קרי"ש איז מען אויך ממשיך מוחין] ביז ביים סוף שמו"ע ביים ברכה פון שים שלום דעמאלס ווערט דער יחוד פון זו"ן [זעיר ונוקבא].

ירידה והחשכות, לאזט ער זיך נישט בייגן אפי' במשהו, ווייל ער איז קלאר בידיעה ברורה וואס זיין תפקיד איז יעצט, להאיר אור החיוורא עס זאל שיינען מיט א שטערקערן אופן, און דאס איז וואס עס ווערט געברענגט אין ספרי קבלה, אז דער חילוק צווישן ספי' דעת און ספי' כתר, וואסביידע זענען אין די מוחין און ביידע זענען בקו האמצעי [עיין הגה' 4] , אז דער ספי' כתר איז מעהר נוטה צו צד הימין דהיינו חכמה, און ספי' דעת איז מעהר נוטה צו צד השמאל דהיינו בינה, און דער ענין דערפון איז כידוע אז בינה איז די שורש פון עבודה בדרך התאמצות, דהיינו התבוננות תשובה שמחה יראה, משא"כ חכמה איז דער עבודה בבחי' כ"ח מ"ה דהיינו התבטלות, והיינו אז דער עבודה בבחי' יעק"ב בסוד הדעת איז בבחי' התקשרות, דהיינו אז דער מענטש דארף זיך אנשטרענגען אין דער עבודה, משא"כ דער מדרגה בבחי' ישרא"ל איז בסוד הכתר, דהיינו אז די מציאות ווערט א מציאות פון יחוד הגמור צווישן דעם יחודא עילאה און יחודא תתאה.

## אור חיוורא ואור אוכמא הן בחי' הידיעה והבחירה

**און** די בחי' ווערט געברענגט פונעם הייליגן אור שבעת הימים מאיר עינינו דער בעש"ט זי"ע און זייער מקור איז בעצם פונעם הייליגן רמ"ע מפאנו זי"ע, אז דער אור העליון אור החיוורא איז בבחי' ידיעה און דער אור אוכמא איז בבחי' בחירה, דהיינו אז ווען דער מענטש איז בבחי' אור חיוורא מיט מוחין עילאין, אין די צייט איז ער בבחי' ידיעה דהיינו אז ער איז קלאר ביי זיך בידיעה ברורה אין יעדע ענין, און ער פאלט בכלל נישט אדורך מיט א נסיון, אבער ווען דער מענטש איז אין א זמן פון אור אוכמא מיט חשכות און בילבולים, דעמאלס איז ער אין א זמן פון בחירה, און דער תורה הק' בעהט זיך ביי אונז ובחרת בחיים, דהיינו אז הגם עס איז גאהר שוועהר און מען איז אין א מצב פון בילבולים און חשכות, עכ"ז דארף מען צו וויסן אז דייקא דעמאלס איז דער זמן פון התגלות כבוד מלכות שמים, און אדרבה די עבודה איז אריינצושיינען פונעם אור החיוורא אינעם אור האוכמא, און מיט די צייט וועט דער מענטש צוקומען צום מדרגה אז זיין בחירה וועט נאר זיין אויפן עצם ידיעה, דהיינו אז ער וועט זיין קלאהר מיט א בהירות אמיתית וואס זיין תפקיד איז אויף די וועלט, און זיין בחירה וועט זיין צו לעבן מיטן בהירות הידיעה אז עס זאל שוין אפי' זיין קיין מציאות פון נסיון בבחי' כתר בסוד ישראל, וואס דאס וועט זיין בהתגלות ווען משיח צדקנו וועט נתגלה ווערן און עס וועט נתאחד ווערן די בחי' פון יוסף [אור חיוורא] מיט דוד [אור אוכמא] וכנ"ל.

## שורש המידות רעות דעלמא דפרודא באים מכח ה"אני דקדושה" של כל אחד וזהו בחי' הי"ב אבנים שהיו אצל ראשו של יעקב אע"ה

**ד] און** דער עיקר הענין והעבודה למעשה איז, כידוע אז יעדער איד פארמאגט אין זיך א חלק אלוקי ממעל, וואס ווערט אנגערופן אני דקדושה דהיינו

די נקודת המלכות, וואס אויף דעם איז ער אראפגעקומען אויף די וועלט, מגלה זיין און באלייכטן די חלק פונעם מלכות שמים, וואס דאס איז זיין עיקר תפקיד און מטרה אויף די וועלט, און קיינער אין די וועלט קען נישט מתקן זיין וואס ער דארף צו מתקן זיין, אבער איידער דער מענטש ווערט קלאר אין די נקודה, איז ער פארנומען מיט מידות רעות וואס די שורשי המידות זענען קנאה תאוה כבוד, דהיינו אז ער פארגינט נישט קיין צווייטן און ער וויל האבן וואס א צווייטע פארמאגט, און דער שורש הענין איז ווייל נפשו חשקה זיין פנימי' הנשמה וויל מגלה זיין איהר חלק פונעם "אני דקדושה", אבער דער מענטש כאפט זיך נישט ממילא כאפט ער זיך אן אין די חלקי הניצוה"ק פון דעם "אני דקדושה" וואס זענען אריינגעפאלן אינעם עלמא דפרודא בשעת דעם שבירת הכלים, און דאס איז דער ענין הפירוד וואס מיר וויסן אז דאס איז דער עיקר מעכב אינעם מהלך העבודה פון יעדן איד ווי די דברים הקדושים פון חז"ל זענען פוהל פון דעם, און דאס איז דער ענין פון די י"ב שטיינער וואס האבן זיך געקריגט צווישן זיך עלי יניח צדיק את ראשו, דהיינו יעדער האט געשריגן אנא אמלוך איך וויל געוועלטיגן, ווייל בפנימי' האט באמת יעדער איינער א געוויסן אנא אמלוך וואס נאר ער קען און דארף צו מתקן זיין אויף די וועלט.

## עבודת ההתבטלות לכל אחד בבחי' דעת

**אבער** אנצוקומען צום תכלית המטרה פונעם רצון השי"ת, דארף מען צו וויסן אז טאקע אמת עס איז פארהאן א בחי' פון אנא אמלוך און אני דקדושה, דארף מען אבער צו וויסן אז אזוי ווי ער האט אן אייגענע אני דקדושה האט א צווייטער איד אויך אן אני דקדושה און אזוי אויך יעדער איד, און ממילא איז דאך נישט שייך צו מקנא זיין א צווייטן איד אין זיין עבודה, ווייל יעדער איינער האט דאך זיין אייגענעם פריוואטן תפקיד אויפן וועלט, ממילא דארף מען זיך מבטל זיין צו א צווייטן איד באחדות גמורה, און צו וויסן מיט א קלארקייט אז יעדער איד איז אן אות קדוש פונעם תורה"ק, ואין צדיק אחד נוגע בחופתו של חבירו, קיינער נעמט נישט צו פונעם אנדערן אפי' כמלא נימא, ווייל יעדער איינער איז פארנומען מיט זיין אייגענעם וועלט בבחי' אדם עולם קטן, און דאס איז דער בחי' וואס שטייט אין חז"ל חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, ווייל יעדער פאר זיך פארמאגט א גאנצע בריאה און א גאנצע חלק אינעם בריאה וואס נאר ער דארף דאס און קען דאס מתקן זיין, און פאר יעדעם איינעם האט השי"ת ב"ה צוגעשטעלט זיינע אלע צרכים און באדערפענישן און כלים וואס ער דארף צו האבן פאר זיין פריוואטן חלק העולם, און דאס איז דער ערשטע חלק העבודה בבחי' דעת בסוד י'עקב, דהיינו זיך צו מבטל זיין פאר יעדע איד.

## עבודת הביטול בבחי' כתר בסוד ויקח את האבן

**און** דערנאך איז דער מענטש זוכה אז נישט נאר ער איז זיך מבטל צו יעדע איד און ער אנערקענט אז אין יעדע איד

איז פארהאן א חלק הטוב וואס ער דארף צו מתקן זיין, נאר ער איז זוכה אז די אלע י"ב אבנים זאלן ווערן צו איין שטיין בסוד הפסוק ויקח את האבן אשר שם מראשותיו, דהיינו אז ער איז זוכה צו דער בחי' כתר בסוד ישרא"ל, אז גאנץ כלל ישראל איז ממש איין נשמה וחטובה אחת מתחת כסא כבודו ית"ש, און טאקע נאר מיט דעם מחשבה פונעם אחדות גמורה, קען מען דינען השי"ת בשלימות אן קיין שום בילבולים, והיינו אז עס זאל בכלל נישט פארנעמען ביי איהם א מקום די עבודה פונעם התבטלות צו יעדן איד, ווייל מען דארף אנקומען צו דעם בהירות המחשבה, אז גאנץ כלל ישראל איז בבחי' מזבח דהיינו איין שטיין ממש, וואס אויף דעם רוהט די הייליגע שכינה, און נאר מיטן אחדות גמורה ממש ווערט נשלם די מחשבה און רצון השי"ת, און דורכדעם איז מען מעלה די אלע ניצוה"ק פונעם עלמא דפרודא דהיינו קנאה תאוה כבוד, והיינו אז דער שורש הקנאה מיינט מען אז דער פנימי' הנשמה איז מקנא יענעם פשוט נאר דערפאר, ווייל ער וויל אינגאנצן נכלל ווערן אינעם צווייטן איד בבחי' כתר העליון, און תאוה מיינט מען די שורש התאוה וואס א איד האט זיך צו מדבק זיין העכער און העכער אינעם אור אין סוף, און כבוד מיינט מען די שורש כבוד העליונה, וואס מיר ווארטן שוין בכליון עינים ובכלות הנפש ווען וועט שוין נתגלה ווערן די כבוד השכינה הק', און דאס איז אויך די בחי' פונעם גרויסן כבוד וואס השי"ת וועט אייטיילן פאר אלע צדיקים לעת"ל, ווי חז"ל זאגן (סנהדרין ק'.) עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות, וואס מיר האבן נישט קיין השגה אינעם ערך פון יעדן אידישע נשמה אויף יענעם עולם, און בפרט א נשמה וואס פירט זיך אויף בקדושה ווי עס דארף צו זיין, וואס אלע מלאכים ושרפים זענען איהם מקנא אויף זיין הויעכן מדרגה, נאר אויף די וועלט זעהן מיר דאס נישט, ווייל אויב יא וואלט דאך אינגאנצן פארלוירן געווארן די בחירה, אבער אין אמת'ן דארף מען דאס מגלה זיין בפנימי' ובעמקי הנשמה.

### ב' אופני היחוד זו"ן יחוד פרטי ויחוד כללי

**און** דאס איז וואס עס ווערט געברענגט אין די כתבי הרה"ק הרש"ש זי"ע, אז אינעם יחוד פונעם ז"א ונוקבא [עיין הגה' 4–7] איז פארהאן צוויי אופנים, איין אופן איז בבחי' ובסוד הדעת דאס הייסט יחוד פרטי, און איין אופן איז בבחי' ובסוד הכתר און דאס הייסט יחוד כללי, דהיינו ווען עס איז א יחוד פרטי איז דער פשט, אז דער פרצוף הז"א [ו' מידות הק'] זענען נאר בלויז חסדים [דהיינו בחי' מ"ה דמ"ה און מ"ה דב"ן], און די פרצוף הנוקבא איז בלויז גבורות [דהיינו ב"ן דמ"ה און ב"ן דב"ן] (**ח**), אבער טאקע אמת אז יעדער איינער

---

(**ח**) בקיצור נמרץ הנוגע לענינינו, כידוע וכנ"ל אז די פרצופי הזו"ן [זעיר ונוק'] זענען מקבל מוחין פון די פרצופי מוחין עילאין דהיינו אבא ואימא און ישסו"ת [אבא ואימא דהיינו או"א איז די פרצוף הפרטי פון חכמה (ווי אויבן געזאגט אז יעדע פון די פרצופי הספירות ואצילות פארמאגט א קומה שלימה פון י' ספי' ממילא איז דער פרצוף

באקומט נאר זיינע חלקים, דאך זענען זיי זיך מתייחד און עס ווערט א מורא'דיגע יחוד הספי' הק', וואס אלע השפעות טובות קומען אראפ דורכדעם, דהיינו אז מיטן כח הדעת וואס דעת איז בבחי' יחוד בסוד הפסוק וידע אדם את חוה, וואס כנ"ל אז מיטן כח הדעת בסוד י'עקב איז דער עבודה פון זיך מייגע זיין אינעם עבודת הביטול און זיך מייחד זיין מיט א צווייטן איד באחדות גמורה, און דאס איז דער בחי' פונעם עבודה אריינצושיינען פונעם אור חיוורא אינעם אור אוכמא, צו באלייכטן אלע הסתרות און העלמות וואס קומען דורך די עלמא דפרודא בסוד הפירוד ומידות רעות.

## דרך העבודה בבחי' יחוד כללי בבחי' כתר בסוד ישראל

**אבער** די העכערע אופן היחוד איז בבחי' יחוד הכללי, דהיינו אז דער ז"א איז זיך מייחד מיטן נוק' בבחי' ובסוד כתר ולובן העליון, דהיינו אז יעדער איינער פאר זיך נעמט נאר וואס עס געהערט צו זיין אייגענעם פרצוף, און ער מושט זיך בכלל נישט אריין אין יענעמס פרצוף, והיינו אז דער פרצוף הז"א נעמט אלע חלקים פונעם

פון חכמה פארמאגט אליינס חכמה און בינה, און דאס ווערט אנגערופן אבא ואימא עילאין), און ישראל סבא דהיינו ישסו"ת איז די פרצוף הפרטי פון בינה].

און בדרך כלל ווערט נמשך פון די מוחין דורכן דעת ה' חסדים און ה' גבורות, די ה' חסדים ווערן צוטיילט צו די ה' שורשי המידות דהיינו חסד גבורה תפארת נצח הוד, [אבער יסוד איז שוין די כולל פון זיי אלע], און די ה' גבורות ווערן נמשך צום נוק', כידוע אז מלכות [נוק'] איז בבחי' דין בסוד מלך במשפט יעמיד הארץ, און ז"א איז בבחי' חסדים וויבאלד ער איז דער עיקר משפיע און מדרך הטוב להיטיב.

וכמובן אז מיט דעם האט זיך נישט דער יחוד געענדיגט נאר דערנאך ווערט אן המתקה צו די דינים און גבורות ואכהמ"ל.

וכידוע אז די ד' שמות הק' וצירופי שם הוי"ה הק' דהיינו ע"ב ס"ג מ"ה ב"ן [דהיינו גימט' פונעם שם הוי"ה כדוג' שם ע"ב איז דער צירוף פונעם שם הוי"ה הק' מלא יודי"ן דהיינו יו"ד ק"י וי"ו ק"י ואידך זיל גמור], איז אקעגן די ד' פרצופי האצילות דהיינו ע"ב איז בבחי' חכמה [ע"ב איז דער שם פון חסד וואס חסד איז אויפן צד הימין און אזוי אויך איז חכמה אויך אויפן צד הימין], ס"ג איז בבחי' בינה, מ"ה איז בבחי' זעיר אנפין, און ב"ן איז בבחי' נוקבא, ממילא קומט אויס אז שם ע"ב איז בצד הימין און שם ס"ג איז בצד השמאל, און דאס איז ביי די מוחין, און אזוי אויך איז שם מ"ה בצד הימין און שם ב"ן בצד השמאל.

וכידוע אז די ד' שמות הק' האט יעדער איינער אין זיי אויך ד' שמות הק' פרטיים [וכנ"ל אז יעדער פון די ד' פרצופים פארמאגט אין זיך א קומה שלימה בפרטי], און ממילא ווען דער ז"א באקומט די השפעות פון די מוחין עילאין וכנ"ל אז ער באקומט נאר די חלק החסדים, קומט אויס אז נישט נאר ער באקומט די חלק פונעם שם מ"ה [וואס ער איז דאך בבחי' שם מ"ה וכנ"ל] וואס דאס איז דאך בצד הימין וכנ"ל, נאר אויך פונעם חלק שם ב"ן וואס געהערט צום מלכות באקומט ער אויך די חלק החסדים דהיינו די שם מ"ה דב"ן, און אזוי אויך די נוק' וואס איז בבחי' שם ב"ן, באקומט זי נאר די צד השמאל פונעם שם ב"ן, און חוץ פון דעם באקומט זי אויך די צד השמאל פונעם שם מ"ה דהיינו ב"ן דמ"ה, ודו"ק וד"ל.

שם מ"ה סיי די גבורות און סיי די חסדים, און די פרצוף הנוקבא נעמט אלע חלקים פונעם שם ב"ן סיי די גבורות און סיי די חסדים [עיין הגה' 8 ודו"ק], והיינו אז דער אופן היחוד איז מיטן התבטלות גמורה בסוד ישרא"ל, דהיינו אז מען איז זיך מדבק מיטן שורש הראשון מיט א נאטורלעכקייט, עד כדי כך אז הגם דער ז"א איז כולו חסדים נעמט ער זיך אויך די חלק הגבורות, וויבאלד דאס איז פון זיין שורש [וכנ"ל אז יעדע פרצוף פארמאגט אלע בחי'], און דאס איז דער בחי' וואס הרה"ק רבי אהרן סטרעשעלע זצוק"ל [מתלמידי בעל התניא] האט געזאגט, אז דער וואס מאכט חילוקים אינעם עצמי' פונעם אור אין סוף איז בבחי' אפיקורס **(ט)**, ווייל אינעם אור אין סוף איז נישט שייך מאריך צו זיין ווייל עס איז איין שטיק התבטלות גמורה ממש, און ווי הרה"ק דער בעל התניא זי"ע האט געזאגט און משבח געווען דער הייליגע מוהר"ח וויטאל זי"ע, אז ער האט נישט מאריך געווען אין די עולמות פונעם אור אין סוף, ווייל צו האבן א טעות אין די מקומות איז מורא'דיג מסוכן, [כידוע אז די ספה"ק אוצרות חיים און עץ חיים זענען דער עיקר מבאר פונעם אור אין סוף און אראפ דהיינו עולם אדם קדמון און ווייטער], און דאס איז דער עבודה בבחי' כתר בסוד ישראל, דהיינו אז די אור חיוורא ווערט ממש איינס מיטן אור אוכמא.

## תיקון פגם אדה"ר בסוד העולמות עקודים נקודים וברודים וסוד כוונת ברוך

**ה] און** דורך די עבודה פון דער התבטלות גמורה בסוד כתר ולובן העליון, איז מען מתקן די פגם און חטא פון אדם הראשון, וואס חוה האט אויסגעקוועטשט טרויבן פאר אדה"ר (כמובא בחז"ל), וואס ענ"ב [טרויבן] איז ר"ת ע'קודים נ'קודים ב'רודים, וואס דאס זענען די דריי חלקים ווי אזוי דער וועלט איז באשאפן געווארן, דהיינו קודם איז געווען די בחי' פון עקודים, דהיינו אז אלע י' ספי' זענען געווען געקניפט און געבינדן [מלשון עקוד ויעקוד את יצחק בנו] אין איין כלי, און דערנאך איז געווען די שבירת הכלים, וואס דאס ווערט אנגערופן נקודים [וואס א נקודה ווייסט אויף צימצום דהיינו אז אלעס האט זיך מצמצם געווען אין א נקודה] וואס איז מרמז אויף דין און אויפן שבירה, און דערנאך איז געקומען דער עולם התיקון וואס ווערט אנגערופן עולם הברודים, וואס יעדע ספי' האט געהאט זיין כלי, דהיינו אז הגם דער מענטש גייט אריין אינעם עולם השבירה בסוד וילך חרנה בבחי' חרון אף כנ"ל, דארף מען דערנאך אנקומען צום עולם הברודים, צו וויסן אז יעדע איד האט זיין באזונדערע כלי און אור, און ממילא ווערט מען באחדות מיט יעדע איד מיט אן התבטלות, וואס דורכדעם איז מען מגלה דעם אור חיוורא אינעם אור אוכמא, און

**(ט)** אור אין סוף איז דער ערשטע התגלות פון השי"ת אויף צו מאכן די בריאה, דהיינו אז דער ערשטע בריאה פון השי"ת נאך פאר אלע צימצומים איז געווען די אור אין סוף ואכהמ"ל.

מען איז מבטל די אלע חשכיות וואס זייער שורש איז קנאה תאוה וכבוד, וואס דאס איז דער בחי' פון י'עקב בסוד דעת, אבער דערנאך דארף מען ארבעטן אנצוקומען צוריק אינעם עולם העקודים, וואס דארטן זענען אלע בחי' אין איין כלי, וואס דאס איז מרמז אויפן עבודה בבחי' ישרא"ל בסוד כתר, אז אלעם איז איינם ממש בתכלית האחדות והביטול, און ווי דער הייליגע בעל התניא זי"ע שרייבט אז ווען מען איז בבחי' עולם העקודים, קען מען ממשיך זיין די גרעסטע השפעות און ברכות, און ווי דער הייליגע רש"ש זי"ע איז מבאר (נהר שלום כ' ע"א וע"ב), אז ווען מען זאגט דאס ווארט ברוך איז דער כוונה פון דעם, ב' איז מען עולה צו דער בחי' פון בינה [דהיינו די עבודה פונעם יגיעה און דער התחזקות באמונה פשוטה אין יעדע שווערן זמן], ר' איז מען עולה צו דער בחי' פון חכמה [דהיינו דער התבטלות גמורה והישות ובחי' "אני"], ו' איז מען זיך מקשר מיטן בחי' פון דעת [דהיינו די עבודה בסוד יעקב כנ"ל], ך' איז מען עולה צו די בחי' פון כתר ולובן העליון בבחי' עקודים [דהיינו די עבודה בבחי' ישרא"ל כנ"ל].

## דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך

**און** דאס איז דער פשט **דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך**, דהיינו אז קודם איז דער עבודה בבחי' דעת וכנ"ל בבחי' י'עקב, ממשיך צו זיין דעם אור החיוורא אינעם אור האוכמא, און צו מגלה זיין אז די גאנצע חשכות איז בלויז א מיטל און א כלי צו מגלה זיין שטערקער די אור החיוורא וכנ"ל, וואס דאס איז דער הייליגע אור פון שמונת ימי חנוכה הבעל"ט, און דערנאך דארף מען צוקומען צו די מדרגה בבחי' כתר בבחי' ישראל, אז עס גייט איהם בכלל נישט אן אין וואספארא מצב ער געפינט זיך ווייל אלעם אז ממש גלייך ביי איהם, און דורכדעם איז מען זוכה צו **נצור מצוות קדושך שמור שבת קדשך,** דהיינו אז עס וועט זיין ביי איהם די בחי' פון שתהא שלהבת עולה מאליה.

**זאל** השי"ת אונז באלייכטן מיט די הייליגע אור ימי החנוכה הבעל"ט צו באלייכטן אלע מיני חשכיות ביז מען וועט זעהן און אנערקענען אז די גאנצע גלות איז בסך הכל א כלי און א מנורה עם זאל קענען אין איהר שיינען די גרויסע אורות און עס זאל שיינען די הייליגע אור בהתחדשות בלי שום הפסק בבחי' משה משה אן קיין פסיק אינדערמיטן (זוה"ק ח"א ק"כ:) און אן קיין הפסק צווישן די צוויי שמות הוי"ה פון די י"ג מידות של רחמים (ר"ה י"ז:), נאר עס זאל שיינען די אור פון מש"ה ר"ת מ'ה ש'היה ה'וא ש'יהיה און מיר זאלן זוכה זיין צו עין בעין יראו בשוב הוי"ה ציון בביאת גואל צדק ברחמים במהרה בימינו ממש אמן.